# תלמוד תורה "יטב לב" דרבינו יואל

## מסאטמאר

נתייסדה ע"י כ"ק מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע

בהמשכת כ"ק מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע - בנשיאות כ"ק מרן רבינו שליט"א

**בעיה"ק ירושלים תובב"א**

**בעזהשי"ת**



# חג הסוכות






# כתה ג'

**המלמד:** הר"ר **יואל יאקאב** הי"ו

© כל הזכויות שמורות

# סוכות

## אין הויף פון צדיקים

### מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה

הרה"ק רֶבִּי יַעֲנְקֶ'עלֶע פוּן פְּשֶׁעוָואָרְסְק זַצַ"ל הָאט דֶערְצֵיילְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶ'ער זי"ע הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ גֶעסְט אִין דִי סֻכָּה, אַלֶע סָארְט צוּבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשׁן, בִּיז דָּאס שְׁטוּפֶּענִיש אִין זַיין סֻכָּה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס, אוּן פוּנְדֶעסטְוֶועגְן הָאט עֵר קֵיינֶעם נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט.

וִוי בַּאקַאנְט פְלֶעגט דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶ'ער זוּכְן אַלֶעמָאל צוּ מֵלִיץ טוֹב זַיין אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאט עֶר דֶעמָאלְטְס גֶעזָאגְט, אַז וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, וֶוען עֶר וֶועט אַרַיינְגֵיין אִין דִי סֻכָּה פוּן אוֹרוֹ שֶׁל לִוְיתָן, וֶועט מֶען אִים וֶועלְן אַרוֹיסְשִׁיקְן, וֶועט עֶר דֶעמָאלְטְס עֶנְטְפֶערְן אַז אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעהַאט אַלֶע סָארְט גֶעסְט אִין זַיין סֻכָּה אוּן עֶר הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט, וֶועגְן דֶּעם זָאל דֶער בַּאשֶׁעפֶער זִיךְ פִירְן מִיט אִים "מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה" אוּן עֶר זָאל אִים אוֹיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְוַוארְפְן פוּן דִי סֻכָּה.

### אִיבֶּער גֶעבֶּעטְן דֶעם קְדוּשַׁת יו"ט זִי"עַ

דֶער הֵיילִיגֶער דִּבְרֵי חַיִּים פוּן צַאנְז זִי"עַ פְלֶעגט דִי צְוֵוייטֶע נַאכְט פוּן סֻכּוֹת בֵּיי דִי אוּשְׁפִּיזָא פוּן יִצְחָק אָבִינוּ זִיךְ פִירְן צוּ אוֹיפְרֶעגְן.

אֵיינְמָאל וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶ'ער רָב זי"ע אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם טִישׁ, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זוּכְן אוֹיף וָואס זִיךְ צוּ אוֹיפְרֶעגְן, ס'אִיז אָבֶער אַלְעֶס גֶעוֶוען מְסֻדָּר בַּיים טִישׁ, אוּן דֶער דִּבְרֵי חַיִּים הָאט נִישְׁט גֶעהַאט אוֹיף וָואס זִיךְ צוּ אוֹיפְרֶעגְן, זֵיין זוּן הרה"ק רַבִּי בָּרוּךְ פוּן גָארְלִיץ זַצַ"ל וִויסְנְדִיג דֶעם עִנְיָן זִיךְ צוּ רֶעגְן, הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט נֶעבְּן דִי בֶּענְקל פוּן זֵיין הֵיילִיגְן טַאטְן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַּׁת יו"ט אִיז אוֹיךְ גֶעשְׁטַאנֶען אוּנְטֶערְן בֶּענְקל, וֶוען דֶער צַאנְזֶ'ער רָב הָאט אָנְגֶעגָאסְן דִי בֶּעכֶער צוּ מַאכְן קִידּוּשׁ, הָאט דֶער גָארְלִיץ'ער רָב גֶעגֶעבְּן אַ שְׁטוּפּ דֶעם קְדוּשַּׁת יו"ט, אוּן דוּרֶךְ דֶעם הָאט זִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ שְׁטוּפּ דִי הַאנְט פוּן הֵיילִיגְן צַאנְזֶ'ער אוּן עֶס הָאט אַרָאפּ גֶעטְרָאפְּט וַויין אוֹיף זֵיין נַיֶיע בֶּעקִיטְשֶׁע, דֶער דִּבְרֵי חַיִּים הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעגְן אוּן שְׁרַייעֶן אוֹיפְן קוֹל: "מֶען וֶועט דַארְפְן בַּאצָאלְן בִּיז דִי לֶעצְטֶע פְּרוּטָה".

אָבֶער אִינְמִיטְן דִי סְעֻדָּה, הָאט דֶער דִּבְרֵי חַיִּים צוּגֶערוּפְן דֶעם קְדוּשַּׁת יו"ט, (וָואס הָאט גֶעהֵייסְן רַבִּי חֲנַנְיָא יו"ט לִיפָּא) אוּן אִים גֶעזָאגְט, "לִיפָּא'לֶע מַיְין לִיפָּא'לֶע, מִיר הָאבְּן לִיבּ עֶרְלִיכֶע אִידְן", אוּן עֶר הָאט אִים דֶעמָאלְטְס גֶעזֶעצְט אוֹיפְן שְׁטוּל וָואס אִיז גֶעוֶוען צוּגֶעגְרֵייט פַאר דִי אוּשְׁפִּיזִין, (אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי מִנְהָג אִין צַאנְז צוּ צוּגְרֵייטְן אַ בֶּענְקל פַאר דִי אוּשְׁפִּיזִין).

## גֶעפַאסְט אִין סֻכּוֹת

רביה"ק בַּעַל דִּבְרֵי יוֹאֵל זִי"עַ הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט, אַז אֵיינְמָאל אִין אַ סֻכּוֹת הָאט דְרַיי טֶעג אִין אַיין צוּ גֶערֶעגְנְט, אוּן

דֶער הֵיילִיגֶער שַׂר שָׁלוֹם פון בֶּעלְז זי"ע הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט עֶסְן חוּץ לַסֻּכָּה, און אויךְ אִין דִי סֻכָּה הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט עֶסְן וֵוייל מֶען הֵייסְט דָאךְ אַן הֶדְיוֹט (אויב מֶען עֶסְט וֶוען עֶס רֶעגְנְט), הָאט עֶר דֶערִיבֶּער אִינְגַאנְצְן נִישְׁט גֶעגֶעסְן און נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן בְּמֶשֶׁךְ דִי גַאנְצֶע דְרַיי טֶעג.

## דִי שְׂכַר פַארְ'ן בּוֹיעֶן דִי מְסִירוּת נֶפֶשׁ'דִיגֶע סֻכָּה

דֶער הֵיילִיגֶער שִׁינָאוֶוער רָב זי"ע, הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט, אַז אִין אֵיינֶע פון דִי דֶערפְלֶעךְ הָאט גֶעוואוינְט אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן, עֶרֶב סֻכּוֹת הָאט עֶר גֶעדַארפְט מַאכְן זַיין סֻכָּה און עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין גֶעלְט, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען מִיט זַיין וַוייבּ אִין שְׁטָאט, און אַלֵיין אַרָאפְּגֶערִיסְן בְּלֶעטֶער פון בּוֹים אוֹיף סְכַךְ.

וֶוען עֶס אִיז גֶעוָוארְן שְׁפֶּעט נָאכְמִיטָאג און זֵיי הָאבְּן מוֹרָא גֶעהַאט אַז זֵיי וֶועלְן מְחַלֵל יו"ט זֵיין, הָאבְּן זֵיי אַרַיינְגֶעלֵייגְט דִי סְכַךְ צְווִישְׁן דִי צֵיינֶער אִין מוֹיל, און זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעמַאכְט מַכּוֹת און פְּצָעִים און זֵייעֶר מוֹיל.

עֶס אִיז גֶעוָוארְן פון דֶעם אַ גְרוֹיסֶע רַעַשׁ אִין הִימְל און עֶס אִיז אַרוֹיס אַ פְּסַק, אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ, דֶער עֶרְשְׁטֶער פון דִי אוּשְׁפִּיזִין זָאל אַרָאפְּגֵיין אִין דִי סֻכָּה פון דֶעם אָרִימַאן, און עֶר זָאל זִיךְ בַּאוַוייזְן פַאר אִים.

דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט סֻכּוֹת זֶעהט דֶער אָרִימַאן וִוי עֶס שְׁטֵייט אַ מֶענְטְשׁ בֵּיי אִים אִין דִי סֻכָּה, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר אִיז

אַ אָרִימַאן וָואס וויל עֶסְן דִי סְעֻדּוֹת יו"ט, זָאגְט עֶר אִים: אִיךְ בִּין אוֹיךְ אַן אָרִימַאן און אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גָארְנִישְׁט, אִיךְ וָואלְט דִּיר גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה צוּ גֵיין צוּם עָשִׁיר וָואס וואוֹינְט קֶעגְן מִיר און דָארְט וֶועסְטוּ זִיכֶער הָאבְּן צוּ עֶסְן.

הָאט אִים דֶער מֶענְטְשׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעקוּמֶען עֶסְן בַּיי דִּיר, און נִישְׁט נֶעמֶען פוּן דִּיר גָארְנִישְׁט, און דֶער מֶענְטְשׁ הָאט וַוייטֶער גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין אַבְרָהָם אָבִינוּ" אִיךְ בִּין נָאר גֶעקוּמֶען אִין דֵיין סֻכָּה זָאלְסְט זֶעהן מֵיין פָּנִים, און דִי שְׂכַר וָואס דוּ הָאסְט מְקַיֵּם גֶעוֶוען מִצְוַת סֻכָּה מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ און מִיט יִסוּרִים", און גְלַייךְ נָאךְ דִי וֶוערְטֶער אִיז דֶער מֶענְטְשׁ נֶעֱלַם גֶעוָוארְן.

## אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַ שְׁטְרוֹיכְלוּנְג

אִין יָאר סֻכּוֹת תשל"ו, אִין אֵיינֶע פוּן דִי נֶעכְט וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי דֶער דִּבְרֵי יוֹאֵל זי"ע אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין דִי סֻכָּה צוּ פִירְן דִי הֵיילִיגֶע טִישׁ, (ווִי עֶר פְלֶעגט פִירְן טִישׁ יֶעדְן נַאכְט סֻכּוֹת) וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעוַואשְׁן צוּם עֶסְן אִיז פְּלוּצְלוּנְג אַרָאפְּגֶעפַאלְן אַ פְלַאשׁ שֶׁמֶן פוּנֶעם דַאךְ, דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז קִינְדֶער דְרֵייעֶן זִיךְ אוֹיפְן דַאךְ.

זֶענֶען זֵיי אַרוֹיסגֶעגַאנְגֶען אִינְדְרוֹיסְן צוּ הֵייסְן דִי קִינְדֶער אַרָאפְּגֵיין פוּן דַאךְ, הָאבְּן זֵיי בַּאמֶערְקְט אַז וִויבַּאלְד ס'אִיז גֶעוֶוען אַ רֶעגְן, אִיז דִי שְׁלַאק גֶעוֶוען אַרָאפְּגֶעלֵייגְט, (אַ שְׁלַאק מַאכְט מֶען אוּן חוּץ לָאָרֶץ ווִי עֶס קֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל רֶעגְנֶען סֻכּוֹת, דָּאס מַאכְט מֶען אַז אוֹיבּ עֶס רֶעגְנְט זָאל מֶען קֶענֶען צוּדֶעקְן דִי סְכָךְ) און מֶען הָאט פַארְגֶעסְן עֶס אוֹיפְצוּהֵייבְּן, אַזוֹי אִיז דֶער רַבִּי גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן אַ שְׁטְרוֹיכְלוּנְג.

## דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גִיבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף צַדִּיקִים

כ"ק מָרָן רַבֵּינוּ שְׁלִיטָ"א הָאט דֶערְצֵיילְט: בַּיי דִי עֶרְשְׁטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער עֲצֵי חַיִּים זי"ע אִיז אַנְטְלָאפְן פוּן שְׁטָאט סִיגוֹט, הָאט עֶר זִיךְ גֶעטְרָאפְן עֶרֶב סֻכּוֹת אִין אַ שְׁטָאט מִיטְן גְרוֹיסְן צַדִּיק דֶער קֶרֶן לְדָוִד זַצַ"ל, הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן וֶועגְן אַ סֻכָּה, מֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען זוּכְן אַ סֻכָּה, בִּיז מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ מִיט אַ סֻכָּה, דִי צְוֵויי צַדִּיקִים הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט צוּ קֶענֶען מְקַיֵּם זַיין דִי מִצְוָה פוּן סֻכָּה.

אָבֶּער וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין דִי סֻכָּה, הָאט מֶען גֶעזֶעהְן אוֹיפְן עֲצֵי חַיִּים'ס פָּנִים אַז עֶר אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן, דֶער קֶרֶן לְדָוִד הָאט דָאס גְלַייךְ בַּאמֶערְקְט, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם עֲצֵי חַיִּים וָואס אִיז גֶעשֶׁעְהן אַז עֶר אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן, הָאט דֶער עֲצֵי חַיִּים גֶעעֶנְטְפֶערְט אִיךְ שְׁפִּיר אַז דִי סֻכָּה אִיז נִישְׁט גֶענוּג אוֹיסְגֶעהַאלְטְן לוֹיט וִוי דִי הֲלָכָה אִיז.

הָאט מֶען אַרַיינְגֶערוּפְן דֶעם בַּעַל הַבַּיִת, אוּן מֶען הָאט אִים אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט וִוי אַזוֹי עֶר הָאט גֶעבּוֹיעֶט דִי סֻכָּה, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז קֹדֶם הָאט עֶר גֶעבּוֹיעֶט דִי סְכַךְ, אוּן נָאכְדֶעם דִי וֶוענְט, (און דִי הֲלָכָה אִיז אַז קֹדֶם דַארְף מֶען בּוֹיעֶן דִי וֶוענְט נָאכְדֶעם אַרוֹיפְלֵייגְן דִי סְכַךְ).

## אַ (נִישְׁט) כָּשֵׁר'ע אֶתְרוֹג

צוּ הרה"ק רֶבִּי יְחֶזְקֵאל פוּן שִׁינָאוֶוע זי"ע אִיז אַמָאל אַרַיינְגֶעקוּמֶען עֶרֶב סֻכּוֹת אֵיינֶער פוּן זַיינֶע נָאנְטֶע יְדִידִים אוּן עֶר הָאט זִיךְ גְרוֹיס גֶעהַאלְטְן פַאר אִים אַז עֶר הָאט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע מְהוּדָר'דִיגֶע אֶתְרוֹג.

דֶער שִׁינָאֶווער רָב הָאט אִים בַּאלְד גֶעהֵייסְן אַז עֶר זָאל בְּרֶענְגֶען דֶעם אֶתְרוֹג, און אַנְטְקֶעגְן זַיינֶע אוֹיגְן הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן דֶעם פִּיטוּם פון דִי אֶתְרוֹג און אִים גֶעוויזְן אַז עֶס אִיז אָנְגֶעהַאלְטְן מִיט אַ נָאדְל.

וֶוען יֶענֶער הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וְויאַזוֹי עֶר הָאט גֶעוואוּסְט, הָאט אִים דֶער שִׁינָאֶוו'ער רָב גֶעעֶנְטְפֶערְט: אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַז מ'הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס מִיט אַ כָּשֶׁר'ע אֶתְרוֹג "וַוייל אֶתְרוֹג אִיז דָאךְ רָאשֵׁי תֵּבוֹת אַ'ל תְּ'בִיאֵנִי רֶ'גֶל גַּ'אֲוָה, (עֶס זָאל דִיךְ נִישְׁט דֶערְהוֹיבְּן דֵיין הַארְץ מִיט גַּאֲוָה).

## פַארְבֶּרְענְט'ס מִיר נִישְׁט דִי סֻכָּה

דֶער רֶבִּי ר' זוּשֶׁא זי"ע, אִיז אַמָאל אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף סֻכּוֹת בֵּיי הרה"ק רֶבִּי יֵיבִי פון אוֹסְטְרָאָה זי"ע, און בֵּיי דִי סְעֻדָּה זֶענֶען דִי צְוֵויי צַדִיקִים גֶעזֶעסְן אִין סֻכָּה צוּזַאמֶען. וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט פון גֵיין שְׁלָאפְן הָאט מֶען גֶעוָואלְט צוּגְרֵייטְן אַ בֶּעט פַארְ'ן רֶבִּי'ן רֶבִּי זוּשֶׁא זי"ע, הָאט רַבִּי זוּשֶׁא גֶעזָאגְט: "נֵיין, אִיךְ וִויל שְׁלָאפְן דַוְקָא אוֹיף דִי עֶרְד אִין דִי הֵיילִיגֶע סֻכָּה".

הָאט מֶען גֶעזָאגְט פַאר רַבִּי זוּשֶׁא אַז עֶס אִיז זֵייעֶר קַאלְט און מֶען קֶען זִיךְ פַארְקִילְן, אָבֶער רַבִּי זוּשֶׁא הָאט דַוְקָא גֶעוָואלְט שְׁלָאפְן אוֹיף דֶער עֶרְד. הָאט זִיךְ רַבִּי יֵיבִי אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין בֶּעט מִיט אַ וַוארֶעמֶע דָאכְעֶנֶע און רַבִּי זוּשֶׁא הָאט זִיךְ גֶעלֵייגְט אוֹיף דֶער עֶרְד.

לִיגְנְדִיג אוֹיף דֶער עֶרְד, הָאט רַבִּי זוּשֶׁא אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זָאגְן: "פַאר זוּשֶׁא אִיז קַאלְט!" דֶעמָאלְטְס וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעזָאגְט אִיז גֶעוָוארְן אַבִּיסְל וַוארִימֶער אִין דִי סֻכָּה, הָאט רַבִּי זוּשֶׁא

גֶעזָאגְט נָאכְאַמָאל: "פַאר זוּשֶׁא אִיז קַאלְט!" אִיז גֶעוָוארְן נָאךְ וַוארֶעמֶער אִין דִי סֻכָּה, אַזוֹי אַז רַבִּי יֵיבִי הָאט שׁוֹין גֶעדַארְפְט אַרָאפְּנֶעמֶען דִי דָאכְעֶנֶע פוּן זִיךְ וֵוייל עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן זֵייעֶר הֵייס אִין דִי סֻכָּה, הָאט ר' זוּשֶׁא גֶעזָאגְט נָאכְאַמָאל: "פַאר זוּשֶׁא אִיז קַאלְט!" אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי הֵייס אִין דִי סֻכָּה אַז מֶען הָאט שׁוֹין מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן.

הָאט זִיךְ רַבִּי יֵיבִי אָנְגֶערוּפְן צוּ רַבִּי זוּשֶׁא: "אִיר וִוילְט מִיר אִינְגַאנְצְן פַארְבְּרֶענֶען דִי סֻכָּה?" דֶעמָאלְטְס אִיז ר' זוּשֶׁא שְׁטִיל גֶעוָוארְן, אוּן הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ זָאגְן אַז פַאר זוּשֶׁא אִיז קַאלְט.

## גֶעטוֹישְׁט אַן אֶתְרוֹג אוֹיף אַ פֶערְד

הרה"ק רבי מָרְדְּכַי פוּן נֶעשְׁכִיז זִי"עַ, הָאט זֵיין גַאנְץ לֶעבְּן גֶעלֶעבְּט זֵייעֶר אָרֶעם, אַ גַאנְצֶע וָואךְ פְלֶעגְט עֶר עֶסְן נָאר בְּרוֹיט מִיט זַאלְץ, אוּן שַׁבָּת הָאט עֶר גֶעגֶעסְן אַבִּיסְל פִישׁ צוּ דֶעם. אָבֶּער אַ גַאנְץ יָאר הָאט עֶר טְרָאץ זֵיין אָרִימְקַייט אַוֶועק גֶעלֵייגְט אַ יֶעדֶע פְּרוּטָה כְּדֵי עֶר זָאל קֶענֶען קוֹיפְן א שֵׁיינֶעם אֶתְרוֹג אוֹיף סֻכּוֹת.

אַיין יָאר אִיז דֶער צַדִּיק גֶעפָארְן אִין דִי שְׁטָאט בְּרוֹדְא צוּ קוֹיפְן אַ שֵׁיינֶעם אֶתְרוֹג, אוּן עֶר הָאט מִיטְגֶענוּמֶען מִיט זִיךְ אַ סְכוּם פוּן **10** רוּבְל, וָואס עֶר הָאט אַוֶועק גֶעלֵייגְט בְּמֶשֶׁךְ דִי גַאנְצֶע יָאר.

גֵייעֶנְדִיג אוֹיפְן וֶועג, הָאט דֶער צַדִּיק בַּאמֶערְקְט וִוי עֶס זִיצְט אַן אִיד וָואס וֵויינְט בִּיטֶערְלִיךְ, אִיז דֶער צַדִּיק צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעפְרֶעגְט מִיט וָואס עֶר קֶען אִים הֶעלְפְן, הָאט דֶער

אִיד אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ דֶערְצֵיילְן אוּן גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין אַ וַואסֶער טְרֶעגֶער אִיבֶּערְן גַאנְצְן יָאר, אִיךְ הָאבּ גֶעבָּארגְט אַ פֶּערְד אוּן וָואגְן צוּ קֶענֶען שְׁלֶעפְּן דִי פִּיל עֶמֶערְס וַואסֶער צוּ פַּארְקוֹיפְן פַאר אִידְן אוֹיף יו"ט. יֶעצְט אָבֶער, גֵייעֶנְדִיג אוֹיפְן וֶועג, אִיז דִי פֶּערְד פְּלוּצְלִינְג גֶעשְׁטָארבְּן, אוּן דָא הַאלְט מֶען יֶעצְט פַאר יו"ט אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מִיט וָואס צוּ שְׁפַּייזְן מֵיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער".

דֶער צַדִיק הָאט נִישְׁט קֵיין סַאךְ גֶעטְרַאכְט, עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן זֵיין טַאשׁ דִי גַאנְצֶע **10** רוּבְּל (וָואס עֶר הָאט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט אַ גַאנְץ יָאר פַאר דִי אֶתְרוֹג) אוּן עֶס גֶעגֶעבְּן פַאר דֶעם אִיד, כְּדֵי עֶר זָאל קֶענֶען קוֹיפְן מִיט דֶעם אַ נַייעֶם פֶערְד.

דֶער צַדִיק פוּן נֶעשְׁכִיז אִיז צוּרִיק אַהֵיים גֶעפָארְן מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט אָן גֶעלְט אוּן אָן אַ אֶתְרוֹג. אַהֵיימְקוּמֶענְדִיג, הָאט זִיךְ דֶער צַדִיק אָנְגֶערוּפְן פַאר זַיינֶע נָאנְטֶע מִיט גְרוֹיס פְרֵייד: "גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דָאס יָאר אַ "פְּרִי עֵץ הָדָר", אַ הָדָר שֶׁבְּהִידוּרִים, אוּן דָאס יָאר, וֶועלְן אַלֶע אִידְן פוּן נֶעשְׁכִיז מַאכְן אַ בְּרָכָה אוֹיף אַן אֶתְרוֹג, אוּן אִיךְ וֶועלְן מַאכְן אַ בְּרָכָה אוֹיף דִי פֶערְד".

## אַלְעֶס מְקַבֵּל גֶעוֶועןְ בְּאַהֲבָה

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' מִיכל פוּן זְלָאטְשׁוּב זי"ע, הָאט גֶעהַאט בֵּיי זִיךְ טַייעֶרֶע תְּפִלִּין, אַ יְרוּשָּׁה פוּן זֵיין הֵיילִיגְן טַאטְן ר' יִצְחָק דְרָאהבִּיטְשֶׁ'ער זי"ע. דִי תְּפִלִּין אִיז גֶעוֶוען דִי טַייעֶרְסְטֶע זַאךְ בֵּיי אִים, אַסַאךְ חֲסִידִים רַייכֶע מֶענְטְשׁן, הָאבְּן דָאס גֶעוָואלְט אָפְּקוֹיפְן אָבֶער עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוָואלְטדאס פַארְקוֹיפְן.

זֵיין רֶעבֶּעצִין הָאט אִים זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל דָאס פַארְקוֹיפְן, עֶר זָאל הָאבְּן עֶפֶּעס בְּרוֹיט פַאר דִי קִינְדֶער, ווייל

עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן און עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען בְּרוֹיטְ צוּ עֶסְן פַאר זַיינֶע קִינְדֶער)

אָבֶער עֶר הָאט דָאס קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוָואלְט פַארְקוֹיפְן.

אַיין יָאר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט, אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען אֶתְרוֹגִים אִין זַיין גַאנְצְן גֶעגְנְט, עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע טֶעג פַאר סֻכּוֹת און אִין זְלָאטְשׁוּב אִיז נָאךְ קֵיין אֶתְרוֹג נִישְׁטָא. פְּלוּצְלוּנְג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַן אִיד צוּ ר' מִיכֶעלֶע, מִיט אַ שֵׁיינֶעם טַייעֶרְן אֶתְרוֹג, ר' מִיכֶעלֶע הָאט נִישְׁט קֵיין סַאךְ גֶעטְרַאכְט, עֶר הָאט פַארְקוֹיפְט דִי טַייעֶרֶע תְּפִלִּין און מִיט דִי גֶעלְט הָאט עֶר גֶעקוֹיפְט דֶעם אֶתְרוֹג. דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק אִיז גְלַייךְ אַהֵיים גֶעלָאפְן דֶערְפְרֵייעֶן דִי רֶעבֶּעצִין און אִיר פַארְצֵיילְן אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַן אֶתְרוֹג.

אָבֶער זֵיין רֶעבֶּעצִין, אַנְשְׁטָאט זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן מִיט אִים, הָאט זִי אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן: "דַיינֶע קִינְדֶער הוּנְגֶערְן נָאךְ אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט, הָאסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוָואלְט פַארְקוֹיפְן דִי תְּפִלִּין, און יֶעצְט, פַאר אַ אֶתְרוֹג הָאסְטוּ גְלַייךְ פַארְקוֹיפְט דִי תְּפִלִּין?"

אִינְמִיטְן דִי כַּעַס אִיז דִי אֶתְרוֹג אַרָאפְּגֶעפַאלְן און עֶס אִיז פָּסוּל גֶעוָוארְן, הָאט זִיךְ ר' מִיכֶעלֶע גָארְנִישְׁט וִויסְנְדִיג גֶעמַאכְט, נָאר עֶר הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן: "הֵיילִיגֶער טַאטֶע אִין הִימְל, דִי תְּפִלִּין הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט, אַן אֶתְרוֹג אוֹיף סֻכּוֹת הָאבּ אִיךְ שׁוֹין אוֹיךְ נִישְׁט, זָאל אִיךְ חַ"ו זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן חָלִילָה! אִיךְ בִּין אַלְעֶס מְקַבֵּל בְּאַהֲבָה".

דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט סֻכּוֹת הָאט זִיךְ זֵיין הֵיילִיגֶער טַאטֶע ר' יִצְחָק פוּן דְרָאהבִיטְשׁ בַּאוִויזְן פַאר אִים אִין חָלוֹם און גֶעזָאגְט: "מֵיין קִינְד, דִי לֶעצְטֶע זַאךְ אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט מַקְפִּיד גֶעוֶוען הָאט דָאס אִין הִימְל גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסְן רֹשֶׁם פוּן דֶעם וָואס דוּ הָאסְט פַארְקוֹיפְט דִי תְּפִלִּין פַאר דִי אֶתְרוֹג.

# דֶער רִיכְטֶער בַּאשְׂטֶעטִיגְט דִי סֻכָּה




עֶס אִיז עֶרֶב סֻכּוֹת אִין דִי שְׂטָאט נַדְבוֹרְנָא, אִידְן לוֹיפְן אֲרוּם אוּן זוּכְן זִיךְ צוּ בַּאזָארְגְן מִיט שֵׁיינֶע ד׳ מִינִים לְכָבוֹד יוֹם טוֹב, אָבֶּער אוֹיף זֵייעֶרֶע פְּנִימֶ׳ער זֶעהְט מֶען נִישְׁט דִי שְׂטֶענְדִיגֶע שִׂמְחָה פוּן דִי צוּגְרֵייטוּנְגֶען פוּן יֶעדְן יָאר צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב סֻכּוֹת.

דָּאס יָאר זֶענֶען דִי גֶעפִילְן פוּן דִי נַדְבוֹרְנָא׳עֶר אִידְן גֶעוֶוען אַנְדֶערְשׁ וִוי יֶעדֶעס יָאר, אַ נַייֶע גְּזֵירָה אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען פוּן דֶּעם שְׂטָאטִ׳ישְׁן רִיכְטֶער, וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער רָשָׁע, דֶער רָשָׁע הָאט אַרוֹיס גֶעגֶעבְּן אַ גְּזֵירָה אוּן גֶעזָאגְט ״אַז קֵיינֶער טָאר נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֶעלְן קֵיין סֻכָּה דֶּעם יו״ט״, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דִי סֻכָּה אִיז וֶועגְן אַ אָנְשְׁטֶעקִיגֶע מַחֲלָה וָואס דְרֵייט זִיךְ אֲרוּם אִין שְׂטָאט, אוּן דִי בְּלֶעטֶער פוּן דִי סְכַךְ, זֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג רֵיין, אוּן קֶענֶען צוּהֶעלְפְן צוּם פַאְרְשְׁפְּרֵייטוּנְג פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מַחֲלָה.

אָבֶּער בַּיים צַדִּיק רַבִּי מָרְדְכַי׳לֶע נַדְבוֹרְנָא׳עֶר אִיז אַלֶעס גֶעוֶוען פּוּנְקְט וִוי יֶעדֶעס יָאר, בֵּיי אִים הָאט מֶען אִינְגַאנְצְן זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג גֶעמַאכְט פוּן דֶּעם נַייֶעם בַּאפֶעל.

יוּנְגֶעלַייט אוּן בַּחוּרִים זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעקְלַאפְּט דִי בְּרֶעטֶער פוּן דִי גְרוֹיסֶע סֻכָּה פַאְר׳ן רֶבִּי׳ן רַבִּי מָרְדְכַי׳לֶע, אוּן זִיךְ גָּארְנִישְׁט גֶערֶעכְנְט מִיט דִי גְּזֵירָה, וֵוייל אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי בַּאפוֹילְן, נִישְׁט זִיךְ צוּ רֶעכֶענֶען מִיט דִי גְּזֵירָה פוּנֶעם רִיכְטֶער.

עֶס הָאט אָבֶּער נִישְׁט לַאנְג גֶעדוֹיעֶרְט וֶוען דִי סֻכָּה אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, אִיז גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן אַ שְׁלִיחַ

פונעם ריכטער, און געהייסן אַז מען זאָל שוין צונעמען די סֻכָּה, ווייל עס איז קעגן די באַפעל וואָס דער ריכטער האָט אַרויסגעגעבן.

דער רבי איז אָבער נישט געוואָרן דערשראָקן, און ער האָט געענטפערט פאַר'ן שליח רואיג אָבער מיט אַ פעסטע שטימע: "איך האָב אויפגעשטעלט די סֻכָּה כּדי עס זאָל שטיין, און נישט אַז איך זאָל עס דאַרפן צונעמען".

דער ריכטער איז געוואָרן שטאַרק אויפגערעגט הערנדיג דעם רבינ'ס תּשובה, און האָט אים געלאָזט שנעל רופן צו זיך, אָבער דער רבי ר' מרדכי'לע האָט זיך פון דעם וואָס ער האָט אים גערופן אויך נישט וויסנדיג געמאַכט און איז נישט געגאַנגען, און ער האָט אים געשיקט זאָגן: "ס'איז ערב יו"ט ביי מיר און איך האָב נישט קיין צייט אויף אַזעלכע נאַרישקייטן".

דער ריכטער איז געוואָרן נאָך מער אויפגערעגט, און האָט באַשלאָסן נישט צו קוקן אויף זיין אייגענעם כּבוד, און איז אַליין אַריבער צום רבי'ן, הערן פאַרוואָס ער פאָלגט נישט אויס זיין באַפעל, אַריינקומענדיג צום רבי'ן, האָט דער ריכטער גלייך אָנגעהויבן צו רעדן שטרענג צום רבי'ן, און האָט אים געסטראַשעט אַז ער וועט באַקומען גאָר אַ האַרבן שטראָף אויב ער וועט נישט אויספירן זיין באַפעל, און גלייך צונעמען די סֻכָּה, דער רבי איז אָבער ווייטער געשטאַנען רואיג און נישט געוואָרן דערשראָקן, ענטפערנדיג ווייטער דעם זעלבן ענטפער וואָס ער האָט געענטפערט פאַר'ן שליח, "איך האָב אויפגעשטעלט די סֻכָּה כּדי עס זאָל בלייבן שטיין גאַנץ יו"ט אַזוי ווי דער באַשעפער האָט אונז באַפוילן, און נישט אַז איך זאָל עס דאַרפן צוּוואַרפן".

ווען דער רבי האָט געזען אַז דער ריכטער איז שוין מורא'דיג אויפגערעגט, און ער האָט טאַקע געטאָן אַ ווילדע שריט, האָט ער צוגעגעבן און געזאָגט פאַר'ן ריכטער, "וויסן זאָלט איר, אַז דער צדיק רבי מאיר פּרימישלאַנער זצ"ל, איז געווען מיין פעטער", רופט זיך אָן דער ריכטער: "וואָס גייט מיר אָן ווער דיין פעטער איז געווען אָדער ווער דיין זיידע איז

געוועןְ? דו זאלסט שוין צוּוואַרפן די סכה.

"אויב אזוי, זאגט דער רבי אז דער נאמען פון מיין פעטער דערמאנט אייך גארנישט, הערט אויס אביסל מיט געדולד די מעשה וואס איך וועל אייך דערציילן, הערנדיג די רואיגע ווערטער פונעם רבי'ן, האט זיך דער ריכטער אביסל בארואיגט, און ער איז שוין געווארן נייגעריג צו הערן די מעשה.

און דער רבי האט אנגעהויבן צו דערציילן:

אמאל איז געווען א גרויסער גלח, וועלכער האט געהאט צען זון, אלע זענען געווען געזונטע שטארקע און הויכע, א שיינע גארטן האט דער גלח געהאט ארום זיין שטוב, וואו עס זענען געוואקסן שיינע ביימער, מיט הערליכע גוטע פרות, איינמאל איז איינגעפאלן דעם גלח, צו אויפאקערן אלע ביימער, און אנשטאט די הויכע ביימער, וועט ער איינפלאנצן שיינע בלומען, און מיט דעם וועט ער פארשענערן דעם גארטן.

ער האט טאקע אויסגעריסן אלע ביימער, און אנשטאט זיי האט ער איינגעפלאנצט שיינע הערליכע בלומען, אבער דא האט אנגעהויבן צו פאסירן מיטן גלח איין אומגליק נאכן צווייטן, גלייך ווי ער האט אויסגעריסן די ביימער, זענען זיינע זון, איינער נאכן צווייטן קראנק געווארן, און ביז א קורצע צייט זענען ניין פון זיינע קינדער אויסגעשטארבן ל"ע, ביז עס איז געקומען די רייע אויף זיין לעצטן קינד.

דער יונגסטער קינד איז אויך קראנק געווארן, דער גלח איז שוין דעמאלטס געווען גאר שטארק צובראכן און פארביטערט, און ווען ער האט דערזען אז זיין לעצטער זון האלט שוין אויך ביים שטארבן, האט ער עס שוין נישט געקענט אויסהאלטן, ער האט גערופן צו זיין קראנקע בעט גרויסע דאקטוירים, אז זיי זאלן טאן אלעס וואס זיי קענען צו ראטעווען זיין לעצטן זון, אויך האט ער גערופן אלע פארשידענע כשוף–מאכער, אבער דאס האט אויך גארנישט געהאלפן, זיין זון איז געלעגן קראנק און געהאלטן ביים שטארבן.

אַזוֹי וִוי דֶער גַלָּח הָאט גֶעהַאט עֶטְלִיכֶע אִידִישֶׁע בַּאקַאנְטֶע הָאט עֶר זִיךְ אוֹיךְ בַּאקְלָאגְט פַאר זֵיי, און גֶעפְרֶעגְט אֶפְשָׁר הָאבְּן זֵיי עֶפֶּעס אַן עֵצָה, זֵיי הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן אִים נָאר אַזוֹי פִּיל גֶעזָאגְט, אַז וֶוען זֵיי הָאבְּן חָלִילָה אַזֶעלְכֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, וֶוענְדְן זֵיי זִיךְ צוּם גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן ר' מֵאִיר פְּרִימִישְׁלַאנֶער, און עֶר מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע תְּפִלּוֹת בַּאוַוייזְט עֶר פַארְשִׁידֶענֶע מוֹפְתִים.

אַזוֹי וִוי דֶער גַלָּח הָאט דָאס דֶערהֶערְט, אִיז אִים אַיינְגֶעפַאלְן אַז עֶר זָאל זִיךְ אוֹיךְ וֶוענְדְן צוּם פְּרִימִישְׁלַאנֶער רֶבִּי'ן, עֶר אִיז טַאקֶע נִישְׁט קֵיין אִיד, און גְלֵייבְּט נִישְׁט אִין דִי אַלֶע מַעֲשִׂיוֹת, אָבֶּער אַז מֶען אִיז אִין אַזַא שְׁטַארְקֶע צָרָה, כַּאפְּט מֶען זִיךְ אָן אִין אַלֶעם, און עֶר הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַלֵיין צוּ פַארְ'ן קֵיין פְּרִימִישְׁלַאן, אֶפְשָׁר וֶועט דֶער רֶבִּי רַאטֶעוֶוען זַיין לֶעצְטְן זוּן מִיט זַיין הֵיילִיגְן כֹּחַ.

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם צַדִּיק, הָאט עֶר אוֹיסְגֶעגָאסְן זַיין בִּיטֶער הַארְץ פַאר אִים, און גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז זַיין לֶעצְטֶער זוּן, און אוֹיבּ דֶער זוּן וֶועט אוֹיךְ שְׁטַארְבְּן אִיז עֶר אַ פַארְלוֹירְעֶנֶער.

דֶער רֶבִּי רַבִּי מֵאִיר'ל הָאט אוֹיסְגֶעהֶערְט זַיין בִּיטֶערֶע פַּאסִירוּנְג, און הָאט פַארְמַאכְט זַיינֶע הֵיילִיגֶע אוֹיגְן, און הָאט זִיךְ פַארְטְרַאכְט עֶטְלִיכֶע מִינוּט, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּם גַלָּח: "אַ שֵׁיינֶעם גָארְטְן הָאסְטוּ גֶעהַאט, מִיט שֵׁיינֶע גוּטֶע בֵּיימֶער, אָבֶּער דִיר הָאט זִיךְ פַארגְלוּסט אַפָּאר בְּלוּמֶען, און צוּלִיבּ דֶעם הָאסְטוּ אוֹיסְגֶעריסְן דִי בֵּיימֶער, אוֹיף דֶעם אַרוֹיף הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער אוֹיסְגֶעריסְן דַיינֶע בֵּיימֶער, וַוייל עֶס שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה", און דִי תּוֹרָה לָאזְט אוּנְז נִישְׁט אוֹיסְצוּרַייסְן בֵּיימֶער וָואס גֶעבְּן אַרוֹיס פְּרוּכְט, אָבֶּער אַזוֹי וִוי דוּ בִּיסְט אַהֶער גֶעקוּמֶען, און דוּ בִּיסְט שׁוֹין אָפְּגֶעקוּמֶען אַזַא הַארְבֶּע שְׁטְרָאף, וֶועל אִיךְ דִיר צוּזָאגְן אַז דֵיין לֶעצְטֶער זוּן וֶועט בְּלֵייבְּן לֶעבְּן, אָבֶּער אִיךְ בֶּעט דִיר, אַז פוּן הַיינְט אָן און וַוייטֶער, זָאלְסְטוּ זֶעהן צוּ טָאן טוֹבוֹת פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער".

דֶעמָאלְטְס הָאט דֶער צַדִּיק רַבִּי מֵאִיר פוּן פְּרִימִישְׁלַאן גֶעבֶּעטְן

פוּן הִימְל אַז מֶען זָאל לְאזְן לֶעבְּן דֶּעם לֶעצְטְן זוּן, אַז ס'זָאל גֶעהֵיילִיגְט וֶוערְן דֶּעם בַּאשֶׁעפֶּער'ס נָאמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן מֶען זָאל זֶען אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶּער פִּירְט דִי וֶועלְט, אוּן דִי בְּרָכָה פוּנֶעם צַדִּיק אִיז טַאקֶע מְקוּיָם גֶעוָוארְן, אוּן דֶער קִינְד אִיז גֶעבְּלִיבְּן לֶעבְּן.

אוּן אַצִינְד, הָאט רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע נַדְבוֹרְנָא'עֶר זִיךְ גֶעוָואנְדְן צוּם רִיכְטֶער "וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דוּ בִּיסְט דֶער צֶענְטֶער זוּן פוּנֶעם גַּלָּח", וֶועלְכֶער אִיז גֶעבְּלִיבְּן לֶעבְּן אַ דַאנְק דִי בְּרָכָה פוּן מֵיין פֶעטֶער, הָאט זִיךְ רַבִּי מָרְדְכַי'לֶע פוּן נַדְבוֹרְנָא אָנְגֶערוּפְּן: פְרֶעג אִיךְ אַייך, אַזוֹי צָאלְט אִיר צוּרִיק פַאר דִי טוֹבָה וָואס מֵיין פֶעטֶער הָאט מִיט אַייך גֶעטָאן, אַז עֶר הָאט אַייך גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אַ זִיכֶערְן טוֹיט.

הֶערְנְדִיג דִי וֶוערְטֶער אִיז דֶער רִיכְטֶער גֶעוָוארְן גָאר שְׁטַארְק גֶערִירְט, עֶר אִיז גֶעפַאלְן צוּ דִי פִּיס פוּנֶעם רֶבִּי'ן, אוּן גֶעזָאגְט: "אַלְעֶס וָואס אִיר הָאט דֶערְצֵיילְט אִיז טַאקֶע אֱמֶת, פַאר מִיר אַלֵיין אִיז אוֹיךְ בַּאקַאנְט דִי מַעֲשֶׂה אָבֶער מִיט דִי יָארְן הָאבּ אִיךְ דָאךְ פַארְגֶעסְן, אוּן אִיךְ בֶּעט אַז דֶער רֶבִּי זָאל מִיר מוֹחֵל זֵיין מֵיין גְרוֹיסֶע זִינְד וָואס אִיךְ בִּין בַּאגַאנְגֶען קֶעגְן אַייך.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים מוֹחֵל גֶעוֶוען, אוּן פוּן יֶענֶעם טָאג אִיז דֶער רִיכְטֶער גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער אוֹהֵב יִשְׂרָאֵל, אוּן גֶעטָאן פִּיל טוֹבוֹת פַאר אִידְן.

# אַ גוּטֶער טוֹישׁ
# פוּן דִי אֶתְרוֹג אוֹיפְן טִישׁ



דֶער הֵיילִיגֶער יו"ט סֻכּוֹת דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ אוּן דֶער הֵיילִיגֶער דִבְרֵי חַיִּים פוּן צַאנְז זי"ע, הָאט נָאךְ קֵיין אֶתְרוֹג נִישְׁט. דָאס יָאר, אִיז אִין דִי גַאנְצֶע גֶעגֶנְט נִישְׁט גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען קֵיין אֶתְרוֹג, דֶער עֶרְשְׁטֶער טָאג סֻכּוֹת פַאלְט טַאקֶע אוֹיס אִין שַׁבָּת, אוּן שַׁבָּת בֶּענְטְשְׁט מֶען מֵילָא נִישְׁט אוֹיף קֵיין אֶתְרוֹג, אָבֶער אוֹיךְ דִי אַנְדֶערֶע טֶעג, וָואס דִי מִצְוָה אִיז נָאר מִדְרַבָּנָן, אִיז מֶען דָאךְ אוֹיךְ מְחוּיָב צוּ טוּהְן אַלְעֶס וָואס מֶען קֶען נָאר, כְּדֵי צוּ זוֹכֶה זֵיין צוּ אַ מְהוּדָר'דִיגְן אֶתְרוֹג, אָבֶער דֶערְוֵוייל זֶעט נָאךְ נִישְׁט אוֹיס אַז דָאס יָאר וֶועט זֵיין אַן אֶתְרוֹג בַּיים הֵיילִיגְן צַאנְזֶ'ער רָב זִי"עַ.

צְוֵויי חָשׁוּבֶ'ע יוּנְגֶעלַייט, חֲסִידִים פוּן הֵיילִיגְן צַאנְזֶ'ער רָב זי"ע, נֶעמֶען זִיךְ אוּנְטֶער אַוֶועק צוּפָאְרן אִין גָאר וַוייטֶע פְּלֶעצֶער, כָאטשׁ זֵיי וֶועלְן זִיךְ דַארְפְן וַואלְגֶערְן אִין אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע טֶעג וִוי רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם הַקָּדוֹשׁ, אוּן כָאטשׁ זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זֵיין נֶעבְן רֶבִּי'ן אוּן אוֹיךְ נִישְׁט אִין זֵייעֶרֶע שְׁטוּבֶּער, אָבֶער אַלְעֶס לוֹינְט זִיךְ, זֵיי וָאלְן קֶענֶען מְהַנֶּה זֵיין דֶעם הֵיילִיגְן רָב צוּ אִים קֶענֶען בְּרֶענְגֶען אַן "אֶתְרוֹג אַ הָדָר".

דִי יוּנְגֶעלַייט זֶענֶען גֶעפָארְן זֵייעֶר אַ וַוייטְן וֶועג, אוּן נָאךְ אַסַאךְ פְּלָאג אוּן מִיה הָאבְן זֵיי אִין אֵיינֶע פוּן דִי גְרוֹיסֶע שְׁטֶעט, גֶעטְרָאפְן אַן אֶתְרוֹג אַ "הָדָר שֶׁבְּהָדָר", וָואס זֵיי הָאבְן בַּאצָאלְט פַאר דֶעם זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט.

מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, זֶענֶען דִי יוּנְגֶעלַייט צוּרִיק גֶעפָארְן דִי וַוייטֶע וֶועג, כְּדֵי צוּ קֶענֶען אָנְקוּמֶען בַּאצַייטְנְס, עֶרֶב יו"ט סֻכּוֹת קֵיין צַאנְז אוּן קֶענֶען אִיבֶּערְגֶעבְן דֶעם

אֶתְרוֹג דֶעם ״הָדָר שֶׁבְּהָדָר״ פַּאר׳ן הֵיילִיגְן רָבּ אִין צַאנְז.

דָאנְעֶרְשְׁטִיג, וֶוען דִי זוּן אִיז שׁוֹין אוּנְטֶערְגֶעגַאנְגֶען, זֶענֶען דִי צְוֵויי יוּנְגֶעלַייט אָנְגֶעקוּמֶען אִין דֶעם נָאנְטְן דָארְף נֶעבְּן צַאנְז. וֵוייל זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט, הָאבְּן זֵיי בֵּיי זִיךְ בַּאשְׁלָאסְן, צוּ בְּלֵייבְּן נֶעכְטִיגְן אִין דֶעם דֶערְפְל, בַּיים עֹשֶׁר וָואס וואוֹינְט אִינֶעם דָארְף. דֶער גְבִיר וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מַכְנִיס אֹרֵחַ אוּן הָאט גֶעהַאט אַ שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע שְׁטוּבּ, הָאט זֵיי בְּכָבוֹד גָּדוֹל אַרֵיינְגֶענוּמֶען, אוּן זֵייעֶר פְּלַאן אִיז גֶעוֶוען, אַז מָארְגְן פְרֵייטָאג, עֶרֶב סֻכּוֹת, וֶועלְן זֵיי אַרֵיינְפָארְן קֵיין צַאנְז צוּ אִיבֶּער גֶעבְּן דֶעם אֶתְרוֹג פַּארְ׳ן רָבּ.

וֶוען זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַרוּם גֶעדְרֵייט בַּיים גְבִיר אִין שְׁטוּבּ, זֶעעֶן זֵיי אַ קְלֵיינֶע וַואסֶער וָואס אִין דֶעם לִיגְט אַפָּאר פִּישׁ, וָואס דֶער גְבִיר הָאט גֶעקוֹיפְט אוֹיף יו״ט אוּן צְוִוישְׁן זֵיי זֶעעֶן זֵיי אוֹיךְ אַ גְרוֹיסֶער שֵׁיינֶער פִּישׁ וָואס הָאט זֵיי מַמָּשׁ בַּאנוּמֶען דִי אוֹיגְן. גְלַייךְ וֶוען דִי יוּנְגֶעלַייט הָאבְּן גֶעזֶעהְן דֶעם גְרוֹיסְן פִּישׁ הָאבְּן זֵיי בַּאקוּמֶען גְרוֹיס חֵשֶׁק צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם פִּישׁ פַּארְ׳ן הֵיילִיגְן צַאנְזֶ׳ער רָבּ אוֹיף יו״ט, ״ווִי גוּט אוּן שֵׁיין וֶועט זַיין״ –זָאגְט אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן– ״אַז מֶען וֶועט צוּם חָשׁוּבֿ׳ן שֵׁיינֶעם אֶתְרוֹג אוֹיךְ בְּרֶענְגֶען דִי גְרוֹיסֶע עֶרְלִיכֶע פִּישׁ פַּארְ׳ן רָבּ״.

גְלַייךְ הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ הַאנְדְלֶען מִיטְן בַּעַל הַבַּיִת אוּן פַּאר אִים גֶעבֶּעטְן, אַז עֶר זָאל זֵיי פַארְקוֹיפְן דֶעם פִּישׁ פַּארְ׳ן הֵיילִיגְן צַאנְזֶ׳ער רָבּ. ״חַס וְשָׁלוֹם״ רוּפְט זִיךְ גְלַייךְ אָן דֶער גְבִיר, ״דֶעם פִּישׁ הָאבּ אִיךְ פַּאר מִיר גֶעקוֹיפְט לְכָבוֹד יו״ט סֻכּוֹת וָואס פַּאלְט אוֹיס דִי יָאר אִין שַׁבָּת, עֶס אִיז נָאךְ אַזַא פִּישׁ נִישְׁט גֶעזֶעהְן גֶעוָוארְן בֵּיי אַלֶע סוֹחֲרִים אוּן אִיךְ גְלֵייבּ נִישְׁט, אַז מֶען זָאל אַזַא פִּישׁ טְרֶעפְן, זָאל אִיךְ דָאס אַייך אַוֶועק גֶעבְּן? וִויפִיל אִיר וֶועט מִיר בַּאצָאלְן קֶען אִיךְ אַייך דֶעם פִּישׁ נִישְׁט אַוֶועק גֶעבְּן״.

״אֶפְשָׁר דָאךְ״, רוּפְט זִיךְ אָן אֵיינֶער פוּן דִי צְוֵויי יוּנְגֶעלַייט מִיט גְרוֹיס תַּחֲנוּנִים צוּם גְבִיר, ״וֶועט אִיר מִיט אוּנְז טָאן דֶעם חֶסֶד, מִיר זָאלְן קֶענֶען מְהַנֶּה זַיין אוּנְזֶער הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶ׳ער רָבּ?! צוּזַאמֶען מִיט דֶעם

גְרוֹיסְן חָשׁוּב׳ן אֶתְרוֹג, וָואס מִיר הָאבְּן זֵייעֶר שְׁוֶוער פַּארְשַׁאפְט פַּארְ׳ן רָב, וֶועלְן מִיר אוֹיךְ קֶענֶען מִיטבְּרֶענְגֶען דֶעם גְרוֹיסְן טַייעֶרְן פִּישׁ אוֹיף יו״ט אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רָב, וֶועט זִיכֶער שְׁטַארְק הֲנָאָה הָאבְּן צוּ הָאבְּן אַזַא חָשׁוּב׳ן פִּישׁ אוֹיף סֻכּוֹת וָואס גֶעפַאלְט דִי יָאר אִין שַׁבָּת ״.

רוּפְט זִיךְ אָן דֶער גְבִיר: ״אַן אֶתְרוֹג הָאט אִיר אַיינְגֶעהַאנְדְלְט אוּן דֶעם פִּישׁ ווִילְט אִיר אוֹיךְ? עֶס קֶען נָאר קוּמֶען אִין בַּאטְרַאכְט וֶוען מֶען זָאל מַאכְן אַ טוֹישׁ, גִיבְּט מִיר דֶעם טַייעֶרְן אֶתְרוֹג, וֶועל אִיךְ אַייךְ קֶענֶען גֶעבְּן דֶעם פִּישׁ וָואס אִיר זֶענט אַזוֹי בַּאגַייסְטֶעְרְט גֶעוָוארְן פַאר דֶעם, צוּ קֶענֶען גֶעבְּן פַאר אַייעֶר הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן״.

דִי צְוֵויי יוּנְגֶעלַייט הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לְאָכֵן אוּן גֶעזָאגְט אוּנְז זָאלְן טוֹישְׁן דֶעם אֶתְרוֹג פַארְ׳ן פִּישׁ?! נָאךְ אַזַא גְרוֹיסֶע הָארֶעוַואנְיֶע, בִּיז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען דֶעם חָשׁוּב׳ן אֶתְרוֹג, וֶועלְן זֵיי דָאס יֶעצְט אַוֶועק גֶעבְּן אוּן בְּרֶענְגֶען פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן אַ פִּישׁ?! בַּאלְד הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנטְפֶערְט פַארְ׳ן גְבִיר: ״מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן אַז אִיר ווִילְט פוּן אוּנְז לַאכְן צוּ טוֹישְׁן אַן אֶתְרוֹג פַאר אַ פִּישׁ, עֶס קוּמְט דָאךְ נִישְׁט אִין בַּאטְרַאכְט״. רוּפְט זִיךְ אָן דֶער גְבִיר: ״אִיךְ הָאבּ קֵיין גֶעשֶׁעפְט נִישְׁט גֶעמַאכְט״.

דִי צְוֵויי יוּנְגֶעלַייט הָאבְּן זִיךְ אֲרוּם גֶעדְרֵייט צוּגֵייעֶנְדִיג יֶעדֶע פָּאר מִינוּט צוּם פִּישׁ אוּן אַ בְּלִיק גֶעטָאן אוֹיף דֶעם, עֶפֶּעס הָאט זֵיי דָאס זֵייעֶר גֶעצוֹיגְן, נִישְׁט קֶענֶענְדִיג זִיךְ בַּאהֶערְשְׁן. זֵיי וָואלְטְן אַלְעֶס גֶעטָאן, אַז דִי פִּישׁ זָאל קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּ זֵייעֶר הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוֹיף יו״ט סֻכּוֹת, זֵיי שְׁפִּירְן אַז דִי פִּישׁ וֶועט פָּשׁוּט מְחַיֶּה זֵיין זֵייעֶר רֶבִּי׳ן, זֵיי ווִילְן נִישְׁט אַרוֹיסְלָאזְן פוּן הַאנְט אַזַא טַייעֶרֶע מַתָּנָה. ״אֶפְשָׁר דָאךְ, אַז עֶס צִיהט אוּנְז אַזוֹי דִי פִּישׁ, אֶפְשָׁר מַאכְט מֶען טַאקֶע דֶעם טוֹישׁ?״ רוּפְט זִיךְ אָן אֵיינֶער פוּן דִי יוּנְגֶעלַייט צוּ זֵיין חָבֵר. ״וָואס?״ רוּפְט זִיךְ אָן דֶער צְוֵוייטֶער, ״דוּ בִּיסְט אִינְגַאנְצְן פוּן זִינֶען אַרָאפּ? נָאךְ אַזַא לַאנְגֶע הָארֶעוַואנְיֶע וָואס מִיר הָאבְּן שׁוֹין בַּאקוּמֶען אַן אֶתְרוֹג פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן, זָאלְן מִיר דָאס יֶעצְט טוֹישְׁן פַאר אַ פִּישׁ?״ זָאגְט אֵיינֶער פַארְ׳ן צְוֵוייטְן: ״לָאמִיר נָאכְאַמָאל פְּרָאבִּירְן זִיךְ צוּ אַיינְבֶּעטְן בַּיים בַּעַל הַבַּיִת״. אָבֶּער

דֶער גְבִיר הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן בַּיי זַיינְס: "אָדֶער דֶער פִּישׁ, אָדֶער דֶער אֶתְרוֹג".

דִי צְוֵויי הָאבְּן זִיךְ אֲרוּם גֶעדְרֵייט אַהִין אוּן צוּרִיק, אוּן גֶעכַאפְּט נָאכְאַמָאל אַ בְּלִיק אוֹיפְן פִּישׁ אוּן גֶעטְרַאכְט אַז זֵיי וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען בְּרֶענְגֶען אַזַא פִּישׁ פַאר׳ן הֵיילִיגְן רָב אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעטְרַאכְט וָואסְפַארַא הֲנָאָה דֶער רָב וֶועט הָאבְּן פוּן דֶעם פִּישׁ! זֵיי הָאבְּן זִיךְ מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאהֶערְשְׁן אוּן זֵיי הָאבְּן בַּאשְׁלָאסְן, "אַז זֵיי גִיבְּן אַוֶועק פַאר׳ן גְבִיר דֶעם אֶתְרוֹג אוּן עֶר גִיבְּט זֵיי דֶעם פִּישׁ".

"דָאס גֶעשֶׁעפְט דַארְף אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן וֶוערְן אַז אִיר צִיהט נִישְׁט צוּרִיק פוּן דֶעם גֶעשֶׁעפְט". הָאט זִיךְ דֶער גְבִיר וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גוּטֶער סוֹחֵר אָנְגֶערוּפְן צוּ זֵיי, אוּן אוֹיפְן פְּלַאץ הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבְּן אַ שְׁטָר הֶסְכֵּם.

בַּאלְד נָאכְן חַתְמֶ׳נְען, הָאבְּן זֵיי גֶעטְרַאכְט בַּיי זִיךְ: וָואסְפַארַא נַארִישְׁקַייט הָאבְּן מִיר גֶעטָאן? אַזַא מְשׁוּנָה׳דִיגֶע טוֹישׁ, עֶס אִיז דָאךְ נִישְׁט שֵׂכְל׳דִיג צוּ טָאן אַזַא מִין זַאךְ, עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ מְקַח טָעוּת, זֵיי אַלֵיין הָאבְּן נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס זֵיי הָאבְּן דָאס גֶעטָאן אוּן זֵיי זֶענֶען בַּאלְד גֶעקוּמֶען צוּם גְבִיר בֶּעטְנְדִיג עֶר זָאל מְבַטֵּל זַיין דֶעם מְקַח טָעוּת, אָבֶער דֶער גְבִיר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "גֶעשְׁרִיבְּן אִיז גֶעשְׁרִיבְּן, אוּן אִיךְ וִויל קֵיין טַעֲנוֹת נִישְׁט הֶערְן, מָארְגְן אִינְדֶערְפְרִי, פַּאק אִיךְ אַייך אַיין דֶעם פִּישׁ אוּן אִיר וֶועט דָאס טְרָאגְן פַאר אַייעֶר רֶבִּי׳ן". אַ גַאנְצֶע נַאכְט הָאבְּן דִי יוּנְגֶעלַייט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּמַאכְן אַן אוֹיג, פוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ צַעַר אוּן בּוּשָׁה פַאר זִיךְ אַלֵיין.

אוֹיף מָארְגְן הָאבְּן זֵיי בְּלֵית בְּרֵרָה גֶענוּמֶען דֶעם פִּישׁ, אִיבֶּערְלָאזְנְדִיג דֶעם טַייעֶרְן אֶתְרוֹג בַּיים גְבִיר אוּן מִיט גְרוֹיס צַעַר אוּן צוּבְּרָאכְנְקַייט, זֶענֶען זֵיי אַרַיינְגֶעפָארְן קֵיין צַאנְז צוּם הֵיילִיגְן רָב. אוֹיפְן וֶועג הָאבְּן זֵיי אַדוּרְכְגֶעטְרַאכְט וִוי אַזוֹי זֵיי וֶועלְן דֶעם פִּישׁ אִיבֶּערגֶעבְּן פַאר׳ן רֶבִּי׳ן, זֵיי קֶענֶען אִים דָאס דָאךְ נִישְׁט אִיבֶּער גֶעבְּן אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אַז זֵיי הָאבְּן דָאס גֶעטוֹישְׁט מִיטְן טַייעֶרְן אֶתְרוֹג, אִין דֶער צַייט וָואס מֶען וַוארְט שׁוֹין אִין צַאנְז אוֹיף זֵייעֶר צוּרִיק קוּמֶען מִיט אַן אֶתְרוֹג, הָאבְּן זֵיי בַּאשְׁלָאסְן, אַז זֵיי וֶועלְן דֶעם גְרוֹיסְן פִּישׁ אַרַיין וַוארְפְן

בַּיים רֶבִּי׳ן אִין קִיךְ אוּן זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּן רֶבִּי׳ן מִיט דִי חֲסִידִים, כְּדֵי מֶען זָאל זֵיי נִישְׁט קוּקן אִין דִי אוֹיגְן אוֹיף דִי נַארִישֶׁע שְׁרִיט וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטָאן.

אִין צַאנְזֶ׳ער הוֹיף אִיז אַ גְרוֹיסֶער טוּמְל, אִין קִיךְ פוּן הֵיילִיגְן צַדִּיק אִיז אַרֵיינְגֶעפַאלְן אַ גְרוֹיסֶער אִינטְרֶעסַאנְטֶער פִּישׁ, וָואס אִיז נָאךְ אִין צַאנְז נִישְׁט גֶעזֶעהְן גֶעוָוארְן אוּן מֶען וֵייסְט נִישְׁט פוּן וואוּ דָאס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען. דֶערוֵוייל הָאט מֶען זִיךְ גֶענוּמֶען צוּגְרֵייטְן דֶעם גְרוֹיסְן פִּישׁ בַּיים רָב אִין שְׁטוּבּ, מֶען הָאט גֶעדַארפְט זוּכְן אַ סְפֶּעצִיֶעלְן טָאפּ דָאס צוּ קֶענֶען קָאכְן גַאנְצֶערְהֵייט, כְּדֵי אִים אַרֵיינְצוּבְּרֶענְגֶען בַּיים טִישׁ פוּן הֵיילִיגְן רָב אוּן מְהַנֶּה זַיין דֶעם רֶבִּי׳ן אִין אַזַא הֵיילִיגֶע שַׁבָּת אוּן יו״ט.

דִי גַּבָּאִים הָאבְּן אָבֶער גֶענוּמֶען חוֹקֵר זַיין פוּן וואוּ דָאס פִּישׁ קוּמְט, נָאךְ אַ אסאך זוּכֶענִישְׁן זֶענֶען זֵיי גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אַז וֶועגְן דֶעם פִּישׁ אִיז דֶער צַאנְזֶ׳ער רָב גֶעבְּלִיבְּן אָן אַן אֶתְרוֹג אוֹיף סֻכּוֹת. חֲסִידִים הָאבְּן גֶעלַאכְט פוּן דִי דוּרְכפַאל פוּן דִי יוּנְגֶעלַייט, נִישְׁט פַארשְׁטֵייעֶנְדִיג וָואס זֵיי הָאבְּן דָא גֶעטָאן, אוּן גֶעוַוארְט אוֹיף דִי פָּארְצִיֶע וָואס דִי יוּנְגֶעלַייט וֶועלְן זִיכֶער בַּאקוּמֶען פוּנֶעם רָב, וָואס זִיצְט אוּן וָוארְט אַזוֹי לַאנְג מִיט גְרוֹיס הָאפֶענוּנג אוֹיף אַן אֶתְרוֹג. דִי מַעֲשֶׂה הָאט מֶען בַּיים סוֹף דֶערְצֵיילְט פַארְ׳ן צַאנְזֶ׳ער רָב אוּן עֶר הָאט דָאס זֵייעֶר רוּאִיג אוֹיסְגֶעהֶערְט.

שַׁבָּת בַּיינַאכְט דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט סֻכּוֹת. דִי גְרוֹיסֶע סֻכָּה פוּן צַאנְזֶ׳ער רָב אִיז בַּאלוֹיכְטְן, דִי שִׂמְחָה אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס. דֶער צַאנְזֶ׳ער רָב הֵייבְּט אָן צוּ מֵאָכֵן קִדּוּשׁ וָואס מֶען הֶערְט וַוייט אַוֶועק, חֲסִידִים שְׁטֵייעֶן שׁוֹין אוּמְגֶעדוּלְדִיג צוּ זֶעהְן וִוי מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין דֶעם גְרוֹיסְן פִּישׁ, וָואס דָאס אִיז בֶּאֱמֶת גֶעוֶוען אַן אִינטְרֶעסַאנְטֶער פִּישׁ, אִיבֶּערְהוֹיפְּט הָאט מֶען גֶעוָואלְט זֶעהְן וִוי דֶער רַבִּי נֶעמְט דָאס אוֹיף, אִין דִי צַייט וָואס דֶער פִּישׁ אִיז אַ טוֹישׁ פַאר אַן אֶתְרוֹג אַן ״הָדָר שֶׁבֶּהָדָר״, אַזַא חָשׁוּבּ׳ע מִצְוָה וָואס דֶער רַבִּי הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוַוארְט צוּ קֶענֶען מְקַיֵּם זַיין אוּן מֶען הָאט דָאס פוּן הַאנְט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט. דִי גַּבָּאִים בְּרֶענְגֶען אַרַיין דֶעם גְרוֹיסְן פִּישׁ אִין אַ סְפֶּעצִיֶעלְן טַאץ וָואס מֶען הָאט

גֶעבָּארגְט סְפֶּעצְיֶעל וֶועגְן דֶעם פִּישׁ, אוּן מֶען לֵייגְט אִים אַרוֹיף אוֹיפְן טִישׁ.

"אַוואוּ זֶענֶען דִי צְוֵויי יוּנְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן אוּנְז דֶעם פִּישׁ גֶעבְּרֶענְגט?" פְּרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶ'ער רָב, בַּאלְד אִיז מֶען גֶעלָאפְן זוּכְן דִי יוּנְגֶעלַייט וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּן גְרוֹיס בּוּשָׁה. זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען פַארְשֶׁעמְטֶערְהֵייט, אוּן אַלֶע הָאבְּן גֶעוַוארְט אוֹיף זֵייעֶר פְּסַק וָואס זֵיי גֵייעֶן בַּאקוּמֶען פוּנֶעם רָב. דֶער צַאנְזֶ'ער רָב גִיבְּט אָבֶּער אַ קוּק אוֹיפְן שֵׁיינֶעם פִּישׁ אוּן רוּפְט זִיךְ אָן: "פַארְשְׁטֶענְדְלִיכֶע יוּנְגֶעלַייט, תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, הָאבְּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי יָאר אִיז דָאךְ אַן אֶתְרוֹג נָאר מִדְרַבָּנָן אוּן עֹנֶג שַׁבָּת אִיז דָאךְ מִן הַתּוֹרָה (וֵוייל וֶוען עֶס גֶעפַאלְט סֻכּוֹת דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג אִין שַׁבָּת, אִיז דִי מִצְוָה פוּן אֶתְרוֹג נִישְׁט מִן הַתּוֹרָה, וֵוייל חֹל הַמּוֹעֵד אִיז נִישְׁט מִן הַתּוֹרָה נָאר מִדְרַבָּנָן) , הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט אַ רִיכְטִיגְן גוּטְן טוֹישׁ".

אַ שְׁטוּרֶעם אִיז גֶעוָוארְן אִין דִי גְרוֹיסֶע סֻכָּה. אִיבֶּערְזָאגְנְדִיג דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן צַאנְזֶ'ער רָב, זֶענֶען דִי יוּנְגֶעלַייט זֵייעֶר טַייעֶר גֶעוָוארְן בֵּיי אַלֶעמֶען אִין דִי אוֹיגְן. דֶער פִּישׁ הָאט גֶעהַאט זַיין תִּיקּוּן וֶוען דֶער צַאנְזֶ'ער רָב הָאט גֶעגֶעסְן פוּן דֶעם, אוּן שְׁפֶּעטֶער צוּטֵיילְט פַאר דִי חֲסִידִים דִי שְׁרֵיים אוּן דֶער צַאנְזֶ'ער רָב אִיז זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גֶעוֶוען.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת קֹדֶשׁ וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶער צְוֵוייטֶער טָאג יו"ט (אִין חוּ"ל אִיז דָא צְוֵויי טֶעג יו"ט), אַ קוּרְצֶע צַייט נָאכְן קִדּוּשׁ מַאכְן פוּן צַאנְזֶ'ער רָב, קוּמְט אַרַיין דֶער גְבִיר פוּן נָאנְטְן דֶערְפְל, וָואס בֵּיי אִים הָאט מֶען גֶעמַאכְט דֶעם גְרוֹיסְן טוֹישׁ מִיטְן אֶתְרוֹג "אוּן בְּרֶענְגְט אַרַיין צוּם הֵיילִיגְן צַאנְזֶ'ער רָב דֶעם טַייעֶרְן חָשׁוּבְ'ן אֶתְרוֹג דֶער הָדָר שֶׁבֶּהָדָר", אָנְרוּפְנְדִיג זִיךְ: "אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעבְּן פַארְ'ן רֶבִּי'ן דֶעם אֶתְרוֹג וָואס אִיז מַיינֶער".

יֶעצְט הָאבְּן דִי חֲסִידִים פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶפֶּעס פוּן הִימְל אִיז דָא פָארְגֶעגַאנְגֶען, אַז דִי פִּישׁ הָאט גֶעדַארפְט הָאבְּן זַיין תִּיקּוּן אוּן אַנְדֶערְשׁ וָואלְט דָאס נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּם צַאנְזֶ'ער רָב.

אַזוֹי דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶ'ער רָב הָאט גֶעהַאט, סַיי דֶעם גְרוֹיסְן פִּישׁ לְכָבוֹד שַׁבָּת וְיו"ט אוּן סַיי דִי טַייעֶרֶע חָשׁוּבְ'ע אֶתְרוֹג וָואס דִי יוּנְגֶעלַייט הָאבְּן אַזוֹי שְׁוֶוער גֶעזוּכְט פַארְ'ן רָב.